# אַ בלעטל פֿון מײַנע קינדהייט־זכרונות*

די קנאָבעליפֿקער שקאָצימלעך האָב איך נאָך געקענט פֿון דער ווײַטן. איך האָב געוווּסט, אַז זיי וווינען אין קליינע מיט שטרוי געדעקטע הײַזלעך הינטער דעם שטעטל: איך פֿלעג זיי זען טרײַבן מיט אַ לאַנגער רוט אין דער האַנט אַ חזיר אָדער אַ בעקל אויף דעם יריד פֿאַרקויפֿן, אָדער ווינטער שעהען לאַנג גליטשן זיך אויף דעם טײַך. איך האָב וועגן זיי געוווּסט, אַז קיין תּורה און מצוות האָבן זיי ניט, קיין עול אויף זיך טראָגן זיי ניט און לעבן נאָר ווי זייער האַרץ גלוסט – מיט איין וואָרט, איך האָב געוווּסט, אַז דאָס זענען 'שקאָצים' און איך האָב זיי – אַזוי ווי אַלע מײַנע חבֿרים – נאָר געקאָנט פֿאַראַכטן. ווען דער רבי האָט וועמען פֿון אונדז אָנגערופֿן 'שייגעץ', האָט ער אים דעם גרעסטן בזיון אָנגעטאָן. דאָס האָט געדויערט ביז דעם נײַנטן יאָר פֿון מײַן לעבן. דעמאָלט האָב איך געהאַט מײַן ערשטע נאָענטע באַגעגעניש מיט די 'שקאָצים'.

דאָס איז געווען ל״ג בעומר. דער רבי האָט געפֿירט אונדזער חדר אין וואַלד אַרײַן, וואָרעם מיר זענען געווען שוין גרויסע ייִנגלעך – ניט אַזוי נאָך אונדזערע יאָרן ווי נאָך אונדזער רבין, וועלכער איז געווען איינער פֿון די גרעסטע מלמדים אין שטעטל – און אונדז האָט אויך ניט געפּאַסט צו פֿירן אויף דעם גרינעם אָרגאָן(?) אָדער אונטער דעם פּלויט פֿון דעם בית־עלמין, וווּ עס איז אויך געווען אַ גרין שטיק ערד, דער רעכטער הויכער ברעג פֿון קנאָבעליפֿקער טײַך, וווּהין עס פֿירן זייערע חדרים דרדקי־(מלמדים), גאַנץ אַזוי קליינע מלמדים; אויסער דעם, ווי גרויסע ייִנגלעך האָבן מיר שוין באַדאַרפֿט אויך עפּעס שענער פֿײַערן דעם יום־טובֿ... איין טאָג איז געווען אַ ווונדערלעכער, איינער פֿון די שענסטע, ליכטיקסטע פֿרילינג־טעג מיט זײַן בלאָען הימל, וועלכער האָט זיך צעשפּרייט הויך איבער אונדזערע קעפּ. ווי מיר זענען נאָר אַרויס פֿון דעם שטעטל און עס האָט אונדז אַ בלאָז געגעבן אין פּנים אַ פֿריש, שמעקעדיק ווינטל פֿון די באַוואַקסענע פֿעלדער, וועלכע האָבן זיך ברייט צעשפּרייט אַרום און אַרום, און זיך צעלאָפֿן פֿאַר אונדז אין אַלע זײַטן און אין ערגעץ זיך ניט געענדיקט – האָבן זיך אונדזערע הערצער אין אונדז צעשפּילט: מיר האָבן פּלוצים דערשפּירט אין זיך אַ באַדערפֿעניש זיך צו באַוועגן, שפּרינגען, לויפֿן, שלאָגן זיך און שרײַען. מיר האָבן

* פֿאַרעפֿנטלעכט א״ט 'אַ בלעטל פֿון מײַנע קינדהייט־זכרונות' אין זשורנאַל דער יוד, נומ׳ 20, 17.5.1900, ז״ז 13–15. מיר דרוקן עס איבער מיט געוויסע תּיקונים, דער עיקר – פֿאַרשטייט זיך – פֿון אויסלייג.

פֿאַרגעסן אָן דעם גאַנצן סטאַט וועלכן אַזוינע גרויסע ייִנגלעך ווי מיר דאַרפֿן אָפּהיטן.

נאָר דאָ האָט אונדז אונדזער רבי אָפּגעשטעלט מיט די ווערטער:

"איך האָב אײַך מיטגענומען אין וואַלד אַרײַן נאָר דערפֿאַר וואָס איך האָב אײַך גערעכנט פֿאַר לײַטישע ייִנגלעך; זעט זשע איך זאָל אײַך ניט אומקערן צוריק אַהיים".

דעם רבינס רייד האָבן אונדז געצווונגען זיך אײַנצוהאַלטן. מיר זענען געגאַנגען מיט סטאַט, ניט אײַלנדיק, ווי אין גאַס פֿון אונדזער שטעטל און האָבן, אונטער דער השגחה פֿון אונדזער רבין, זיך ניט דערוועגט אַרויסצווײַזן אונדזערע געפֿילן. נאָר פֿון דעסטוועגן האָבן די געפֿילן, מיט וועלכע עס זענען פֿול געווען די הערצלעך, אונדז פֿרייליך און גליקלעך געמאַכט.

נאָר פּלוצים האָט אונדזער רבי, וועלכער האָט כּמעט די גאַנצע צײַט געשוויגן, זיך געווענדט צו אונדז:

"איר, קינדער, גייט שטילער, גאָר שטיל, אויב ניט... איר זעט אָט דאָרטן האָבן שקאָצים אַ טשערעדע, זיי זאָלן נאָר אויף אונדז ניט וועלן אָנפֿאַלן..." – האָט ער אונדז געזאָגט – "גייט זשע נאָר שטיל, אַז מען זאָל אײַך גאָר ניט הערן".

מיר זענען מיט אַ מאָל געוואָרן אומרויִק. ביז אַהער אַזוינע פֿרײַע, פֿריילעכע, זענען מיר פּלוצים געוואָרן אומעטיקע. אונדזער רבינס פּחד איז איבערגעגאַנגען צו אונדז, און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך אומקוקן מיט מורא אין דער זײַט, וווּ מיר האָבן געזען איין טשערעדע און עטלעכע פּויערשע ייִנגלעך. פֿון דעסטוועגן זענען מיר געגאַנגען ווײַטער. צו דעם וואַלד איז אונדז נאָך געבליבן אַ האַלבער וויאָרסט וועג. די פּאַסטעכער זענען אויסגעקומען בײַ אונדז פֿון דער זײַט, און וואָס ווײַטער מיר זענען געגאַנגען, האָבן זיי אונדז מער אַרויסגעזען. דעם רבינס פּחד און מורא, ווי מיר האָבן זיך געשטויסן, זענען געוואַקסן. מיר האָבן אײַנגעהערט ווי ער האָט צו זיך אַליין געזאָגט: "ווי פֿיל זיי זענען! און דאָ זעט מען ניט קיינעם, ניט בערלען, ניט מיכאלן, ווי עס ווײַזט אויס זענען זיי שוין איבערגעגאַנגען".

זעענדיק אַזאַ פּחד בײַ אונדזער רבין האָבן מיר זיך איבערגעשראָקן אויף טויט; מיר האָבן זיך אָנגעהויבן שטופּן איינער צום צווייטן, און האָבן מיט פֿאַרצווייפֿלונג אַרײַנגעקוקט אונדזער רבין אין זײַן פֿינצטער פּנים און זענען גרייט געווען צעוויינען זיך. נאָר מיר זענען איבערגעגאַנגען פֿאַר די פּאַסטוכער בשלום: זיי האָבן אַפֿילו געקוקט צו אונדז, נאָר פֿון זייער אָרט האָבן זיי זיך ניט גערירט.

אָט האָבן מיר שוין איבערגעלאָזט הינטער זיך, מיט מורא זיך אומקוקנדיק, אָט זענען מיר שוין אין גאַנצן אַרויס פֿון סכּנה, און פֿאַר אונדז איז דער וואַלד אַזוי נאָענט, אַז עס דאַכט זיך, אין עטלעכע מינוט וועלן מיר אים דערגרייכן. מיר זענען לעבעדיקער געוואָרן און מיר האָבן אָנגעהויבן (צו) ריידן – די לעצטע פֿערטל שעה זענען מיר געגאַנגען געשווינד און שווײַגנדיק, ניט קענענדיק מחמת מורא איינער דער צווייטן אַ וואָרט זאָגן. גערעדט האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, פֿון דער פֿאַרגאַנגענער סכּנה. איך האָב זיך גערעכנט פֿאַר דעם געזונטסטן (שטאַרקסטן) צווישן מײַנע חבֿרים אין חדר.

און דאָ האָט מיר איינער אַ חבר געזאָגט:

– ווי מיינסטו, מאיר, ווען זיי זאָל זיך געווען פֿאַרגלוסטן אָנפֿאַלן אויף אונדז, וואָלסטו זיי געוויזן וואָס פֿאַר אַ קולאַק דו האָסט? וואָלטן זיי געוווסט: ווען דו שלאָגסט, טוט דאָך אַזוי וויי!

און מײַן חבר, וועלכער איז געווען דער שלאָפֿסטער בײַ אונדז אין חדר, האָט מיט גוואַלד בײַ די רייד אַ שמייכל געטאָן.

– נאָך ווי אַזוי! זיי וואָלטן געוווסט! – האָב איך געענטפֿערט אויך מיט אַ שמייכל, אַ טרייסל געבענדיק מיט דעם קעפּל און מאַכנדיק אַ קולאַק.

אונדזער רבי האָט פֿינצטער געקוקט, געשוויגן. צום וואַלד איז געווען פֿיל ווײַטער ווי אונדז האָט זיך געדאַכט, און מיר זענען צו אים צוגעקומען אַלע שטאַרק מיד. מיר האָבן זיך אויסגעזעצט בײַ דעם שמאָלן גראָבן, וועלכער האָט זיך געצויגן אין דער לענג פֿון וואַלד.

אונדזער רבי האָט אויסגעזוגן באַזאָרגט: מען האָט אין ערגעץ ניט געזען קיין אַנדערע מלמדים מיט זייערע חדרים. "זיי מוזן שוין זײַן דאָרטן" – האָט ער געזאָגט און האָט אָנגעהויבן אויסקוקן דורך וואַנען אַרײַנצוקומען אין וואַלד.

עס האָט אויסגעזען, אַז ער רעכנט אַרײַנגיין אין וואַלד אַרײַן גלײַך פֿון דעם אָרט, וווּ מיר זענען געזעסן, אַריבערגייענדיק דעם ניט טיפֿן גראָבן.

ווי פּלוצלונג האָבן מיר דערזען לויפֿן צו אונדז אַ הונט און נאָך אים אַ שייגעץ פֿון אַ יאָר פֿערצן. מיר האָבן זיך אַלע דערשראָקן. מיר זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון אונדזערע ערטער און זיך אָנגעהויבן שטופּן צו אונדזער רבין, וועלכער האָט געהאַט אין האַנט אַ שטעקל און געקוקט אומרויִק אויף דעם הונט און שייגעצל, וועלכע זענען שוין געווען נאָענט. דער הונט האָט געבילט און געשווינד געלאָפֿן.

– אַוואָנאַ, אַוואָנאַ – האָט אָנגעהויבן אונדזער רבי שרײַען כמעט מיט פֿאַרצווייפֿלונג אין דער שטימע און האָט געדרייט מיט דעם שטעקל פֿאַר דעם הונטס אויגן.

דער הונט האָט נאָך מער געבילט און זיך געוואָרפֿן אויף אונדז. איינער פֿון מײַנע חברים האָט אָנגעהויבן ריידן צו דעם שייגעצל, וועלכער איז פּאַמעלעך און שמייכלענדיק צוגעגאַנגען צו אונדז:

– דו ייִנגל... לאָז ער ניט בילן... איך וועל געבן אַלץ, קיכלעך, אייער... אײַ, ייִנגל, לאָז ער נאָר ניט בילן, איך וועל געבן אַלץ.

דער רבי האָט גערעדט 'גויִיש' געמישט מיט האַלב 'ייִדיש' און האָט דערבײַ געמאַכט משונהדיקע תּנועות און אין זײַן שטימע האָט זיך געהערט אַ האַרציק געבעט. דאָס שייגעצל איז צו אונדז צוגעגאַנגען מיט נײַגעריקייט. דער הונט האָט ווי פֿריִער שטאַרק געבילט און זיך געוואָרפֿן אויף דעם בלאַסן רבין. צוויי פֿון מײַנע חברים האָבן מיט ציטערדיקע הענט צעבונדן זייערע פּאַטשיילכבעלעך מיט דעם 'ל"ג בעומר', און אַלץ וואָס אין די פּאַטשיילכעלעך איז געווען איז איבערגעגאַנגען אין די הענט צום קליינעם פּויער, וועלכער איז געווען, ווי עס האָט אויסגעזען שטאַרק פֿאַרווּנדערט און האָט אַפֿילו אויפֿגעהערט שמייכלען. ער האָט באַלד אָפּגערופֿן דעם הונט, וועלכער איז גיך אַנטשוויגן געוואָרן און האָט

זיך געגומען בײַסן דאָס קיכל, וואָס אײנער פֿון מײַנע חבֿרים האָט אים אַ וואָרף געטאָן. דאָס איז אונדז אַלע שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, און מיר האָבן מיט מורא געוואָרפֿן דעם הונט יעדערער אַ שטיקל קיכל, אַפֿילו קאָנפֿעטן. מיר האָט געדאַכט, אַז דאָס שייגעצל איז מקנא דעם הונט, כאָטש בײַ אים זענען אויך געווען די הענט פֿול. מיר זענען אַלע געקומען צו זיך און האָבן מיט קלײנער מורא און דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דעם ברייטפּלייציקן באָרוועסן פּויערל, אין אַ ווינטערדיקן, אָנגערוקטן אויף דעם נאַקן און אויערן, היטל, וועלכער האָט זיך געלאָזט ריידן, ווען דער רבי האָט בײַ אים אָנגעהויבן פֿרעגן, צי האָט ער ניט געזען קיין "זשידקעס מיט יינגלעך, גאָר קליינינקע יינגלעך", און האָט דערויף גלײַכגילטיק און קורץ געענטפֿערט אַז ער האָט ניט געזען.

– נו, און אין וואַלד מעג מען?... נאָר אַזוי, אַביסינקעלע... מיר וועלן, זאָל איך אַזוי לעבן, אַז נאָר אַביסינקעלע; בײַ אונדז איז הײַנט ל"ג בעומר, אַ יום־טובֿ, און איך וועל אַלץ געבן, אייער, קיכלעך, אַלץ... מען מעג, ייִנגל? – האָט אונדזער רבי געבעטן בײַ דעם שייגעצל, וועלכער האָט געקוקט אויף אים מיט דער נײַגעריקייט וואָס פֿריִער.

דאָס שייגעצל האָט אים קורץ געענטפֿערט "איך ווייס ניט" און האָט, עס קען זײַן ער האָט אַליין ניט געוווּסט פֿאַר וואָס, אַ שמייכל געטאָן.

נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿון דעם וואַלד דער פֿאָרשטער, אַ הויכער און שוין ניט קיין יונגער שלאַכטיץ אין הויכע שטיוול און אין אַ קורצער פּאָדדיאָווקע; ווי ער איז צוגעגאַנגען צו אונדז נעענטער, האָט ער גענומען שרײַען:

– וואָס איז אײַך הײַנט אַזוינס, וואָס איר קריכט אַלע אין וואַלד אַרײַן, זשידעס? אפֿשר האָט איר דאָ אַן אוצר געפֿונען? צוויי מיט זייערע זשידעניאַטעס האָב איך שוין הײַנט פֿאַרטריבן, האָסטו דיר דעם דריטן... הוי, וואָס דאַרפֿט איר דאָ האָבן? איך וועל אײַך – – –.

אונדזער רבי איז געוועזן ניט טויט ניט לעבעדיק.

– אָי ווײַ, פּריץ, פּריץ – האָט ער געשטאַמלט – מיר, זאָל איך אַזוי לעבן, אַז גאָרניט... בײַ אונדז איז הײַנט ל"ג בעומר... מיר האָבן געוואָלט אַ ביסעלע שפּאַצירן אין וואַלד. מיר וואָלטן אַזוי שטיל געזעסן, אַזוי שטיל... אויב אײַך טויג ניט, וועלן מיר די מינוט אַוועקגיין פֿון דאַנען, אויב אײַך טויג ניט... נאָר אויף וואָס־זשע דאַרף דער פּריץ אַזוי שרײַען... מיר... מיר...

– וואָס פֿאַר אַ רוח האָט אײַך הײַנט געמאַכט אַ יום־טובֿ? לאָזן וועל איך אײַך אין וואַלד אַרײַן, איר זאָלט מיר די ביימער ברעכן? רוחות איר זענט אַזוינע?... וואָס דאַרפֿט איר הײַנט גיין אין וואַלד אַרײַן? – האָט דער פֿאָרשטער געזאָגט שוין שטילער אַ ביסל: ער איז גאָר ניט געווען אַזאַ שלעכטער, ווי ער האָט זיך געמאַכט.

– אָי פּריץ, פּריץ, מיר דאַרפֿן; בײַ אונדז איז הײַנט אַ יום־טובֿ אַזאַ, און מיר דאַרפֿן גיין אין וואַלד אַרײַן ניט ברעכן חס־וחלילה די ביימער, נאָר אַזוי, שפּאַצירן אַ ביסעלע... אויף וואָס גאָר ברעכן? מיר זענען דען משוגע? מיר וועלן זײַן אַזוי שטיל – האָט אונדזער רבי זיך צערעדט און האָט שטאַרק געוואָרפֿן מיט די הענט

און דעם גאַנצן קערפּער און האָט דערבײַ שמערצהאַפּטיק, דעמוטיק געשמייכלט – און וואָס שאַדט דעם פּריץ?... מיר זענען ערלעכע ייִדן, איך בין אַ רבי, אַ מלמד, דאָס הייסט אַ לערער און דאָס זענען מײַנע תּלמידים; מיר וועלן זײַן אַזוי שטיל... וואָס שאַדט דען דעם פּריץ, ער זאָל לעבן...

דער פֿערשטער האָט אונדז אין וואַלד טאַקע ניט אַרײַנגעלאָזט, ער האָט אונדז אָבער אויך ניט אַוועקגעטריבן און האָט אונדז דערלויבט פֿאַרברענגען בײַם וואַלד, גאַר שטיל, און זיך ניט דערוועגן קריכן אין וואַלד אַרײַן. נאָך דעם איז ער אַוועקגעגאַנגען. דאָס שייגעצל איז נאָך אַלץ געבליבן און האָט געזען ווי מיר האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אויף די פֿריִערדיקער ערטער, לעבן דעם גראָבן; אונדזער רבי האָט זיך שוין אויך אַ מאָל אַנידערגעזעצט.

מיר האָבן צעבונדן אונדזער ל״ג בעומר, וועלכע זענען אונדז נאָך געבליבן, און האָבן אים ברודערלעך צווישן זיך צעטיילט. דער רבי האָט זיך גענומען דעם גרעסטן חלק פֿון די קיכלעך און אייער, וועלכע ער האָט פֿון דעסטוועגן ניט אויפֿגעגעסן. מיר האָבן געוווּסט, אַז ער באַהאַלט זיי פֿאַר זײַנע קינדער און מיר זענען דערפֿאַר אויף אים ניט געווען ברוגז. דער שייגעצל – נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין געהאַט אַלץ אויפֿגעגעסן און אויסגעטרונקען, און דער רבי האָט אים אויך אָפּגעטיילט אַ חלק גלײַך מיט אונדז – האָט אויף אונדז דאָס לעצטע מאָל אַ קוק געטאָן און, מיטרופֿנדיק מיט זיך דעם הונט, האָט ער גענומען אַוועקגיין פֿון אונדז, אייניקע מאָל אומקוקנדיק זיך.

דער הונט, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס באַלעקט, האָט פּלוצלונג אויס־געשטשירעט די ציין, אַ ביל געטאָן אויף אונדז און איז אַוועקגעגאַנגען נאָך זײַן האַר. און מיר, נאָך דעם ווי דער הונט און שייגעץ האָבן אונדז שוין מער ניט געשטערט, האָבן ווײַטער דערשפּירט דאָס באַדערפֿעניש זיך צו באַוועגן. נאָר אונדזער רבי האָט אונדז ווײַטער אָפּגעשטעלט. ער אַליין האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן גראָז מיט דעם פּנים אַרויף, און מיר האָבן אויך באַדאַרפֿט דאָס זעלבע טאָן און ליגן שטיל, וואָרעם דער רבי האָט שטיל געשוויגן.

נאָר מיר, נאָך אַלע שרעק, וועלכע מיר האָבן נאָר וואָס איבערגעלעבט, האָבן איצט, באַרויִקטע, געפֿילט אַ שטילע פֿרייד אין האַרצן, און מיר האָבן שווײַגנדיק געקוקט אין טיפֿן ריינעם־ריינעם הימל, וואָס זײַן שיינקייט מיר האָבן ערשט הײַנט צום ערשטן מאָל דערפֿילט און באַמערקט, אויך אין וואַלד וועלכער האָט זיך געצויגן פֿאַר אונדז אָן אַן עק און אָן אַ סוף, און וואָס זײַנע געדיכטע ביימער זענען פֿאַרחלומט און רויִק געשטאַנען.

דער וואַלד פֿון וואַנעט עס האָבן זיך אַלץ געהערט וווּנדערלעכע קולות, האָט שטאַרק צו זיך געצויגן, נאָר מיר האָבן זיך ניט דערוועגט נאָכגעבן דעם שטאַרקן און אומרויִקן פֿאַרלאַנג פֿון אונדזערע יונגע הערצער... אונדזער רבי האָט זיך די גאַנצע צײַט ניט גערירט און מיר האָבן שוין געמיינט, אַז ער האָט געכאַפּט אַ דרעמל, ווי פּלוצים האָט ער אַ זיפֿץ געטאָן און געזאָגט צו זיך מיט פֿאַרדראָס: „אַזוינע... אַ טראָט גיב ניט... אַ האַלבן ל״ג בעומר אַוועקגעגעבן אַ הונט מיט אַ שייגעץ... אָט וואָס ס'הייסט זײַן אין גלות". עס ווײַזט אויס, אונדזער רבין האָט

פֿאַרדראָסן וואָס ער האָט זיך באַוויזן פֿאַר אַזאַ פּחדן פֿאַר אונדז, זײַנע תּלמידים, איבער וועלכע ער האָט דעספּאָטיש געהערשט און וועלכע האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט, ווי פֿאַר פֿײַער.

נאָר מיר, מיט אייגנטלעכער פֿאַר אונדזערע יאָרן לײַכטזיניקייט, האָבן שוין פֿאַרגעסן אי די פֿאַסטעכער, אי דעם פֿערשטער. מיר האָבן אַלעמען מוחל געווען די שרעק, וואָס זיי האָבן אונדז אָנגעטאָן און מיר זענען געווען שטאַרק צופֿרידן אָפּרוען זיך מיטן גוף און נשמה אויף דעם שמעקעדיקן גראָז, אונטער דעם קלאָרן הימל און ניט ווײַט פֿון דעם גרינעם וואַלד...

נאָר אונדזער רויִקע פֿרייד איז ווידער פֿון אונדז געווען אַוועקגערויבט אין אַ שעה אַרום, ווען מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אַהיים. די פֿאַסטעכער, לעבן וועלכע מיר זענען דאָס ערשטע מאָל פֿאַרבײַגעגאַנגען בשלום, האָבן אונדז איצט באַגעגנט אויפֿן וועג. דאָס זענען געווען פֿינף ייִנגלעך, פֿון צוועלף ביז אַכצן יאָר. זיי האָבן אונדז אָפּגעשטעלט און האָבן פֿאַרלאַנגט פֿון דעם רבין רויבערן. דער רבי האָט אונטערטעניק אויסגעפֿילט זייער פֿאַרלאַנג. אַזוי אַז ער איז אַליין געבליבן אָן טאַבאַק, פּאַפּיר און שוועבעלעך. נאָך דעם האָבן זיי אונדז אָפּגעלאָזן מיט שלום. נאָר מיר זענען נאָך ניט אָפּגעגאַנגען קיין צוויי הונדערט טריט, ווי דרײַ ייִנגסטע פֿאַסטעכער האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון זייערע חבֿרים און האָבן זיך געלאָזט, מיט לאַנגע בײַטשן אין די הענט, לויפֿן נאָך אונדז שרײַענדיק: "שטייט נאָר, זשידקעס, שטייט!".

דאָ האָט אונדזער רבי פּלוצלונג אָנגעהויבן צו לויפֿן ווי ער האָט נאָר געהאַט כּוח און נאָך אים מיר אַלע, וועלכע זענען געווען אויסער זיך פֿאַר שרעק און האָבן געשריִען גלײַך ווי מען וואָלט אונדז געקוילעט. איינער פֿון מײַנע חבֿרים, דער ייִנגסטער צווישן אונדז, בײַ וועלכן עס האָבן זיך פֿאַר שרעק אונטערגעהאַקט די פֿיס, איז אָפּגעשטאַנען פֿון אונדז אַלע, און ווען ער האָט דערזען, אַז אָט־אָט וועלן אים די פֿאַסטעכער דעריאָגן, איז ער אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און האָט אָנגעהויבן שרײַען "מאַמע! מאַמע!" מיט אַזאַ וויינענדיקן קול, אַז איך, וועלכער איז שוין געווען ווײַט פֿון אים, האָב פּלוצלונג אויפֿגעהערט לויפֿן. איך האָב אַ קוק געגעבן אויף דעם וויינענדיקן חבֿר און האָב זיך געלאָזט שנעל לויפֿן צו אים.

באַלד זענען צו אונדז צוגעלאָפֿן די שקצים. מיך האָט געטרייסלט ווי אַן אָנגעכאַפּטע פֿייגעלע, און דער חבֿר האָט אַלץ ניט אויפֿגעהערט צו שרײַען "מאַמע! מאַמע!". איין פֿאַסטוך האָט זיך געווענדט צו מיר:

– גיב מיר קנעפּ. אויב ניט – וועל איך דיך שלאָגן.

– איך האָב ניט – האָב איך קוים געקאָנט ענטפֿערן.

– וואָס הייסט – דו האָסט ניט. און דאָס וואָס איז? – האָט ער געזאָגט ווײַזנדיק אויף די קנעפּ פֿון מײַן קאַפּאָטקעלע – גיב קנעפּ, אַז ניט וועל איך דיך שלאָגן.

איך האָב געלאָזט די פֿאַסטעכער אָפּרײַסן פֿון מײַן קאַפּאָטקעלע אַלע קנעפּ אַנשטאָט וועלכע זענען געבליבן לעכער. איך האָב בײַ זיי אונטער די הענט געפֿלאַטערט, נאָר איך האָב געשוויגן. דאָס זעלבע האָבן זיי געטאָן אויך דעם חבֿר,

וועלכער האָט געוויינט ווי פֿריִער, נאָר זיך אַלץ ניט גערירט פֿון אָרט. דאָס אַלץ האָט געדויערט ניט מער ווי צוויי מינוט.

– נו, און אַ 'צעגאַרקע' האָסטו? – האָט זיך צו מיר נאָך דעם געווענדט אַ צווייטער פּסטעך.

– ניין – האָב איך ווײַטער געענטפֿערט.

– וואָס הייסט ניין, עס קען ניט זײַן – האָט געזאָגט דער שייגעץ און האָט גענומען זוכן אין אַלע מײַנע קעשענעס, פֿון וועלכע ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿריִער אַ טייטל, דערנאָך אַ רימען, דערנאָך אַ בײַטעלע מיט דרײַ גראָשן און צו לעצט ערשט אַ 'בענטשערל'. צוזאַמען מיט זיי זענען פֿון מײַנע איבערגעקערטע קעשענעס אַרויסגעפֿאַלן ברעקלעך קיכל און שטיקלעך אייער־שאָלעכץ. די ערשטע האָט דער פּאַסטעך געשווינד אַרײַנגעלייגט צו זיך אין שויס און ווען ער האָט די לעצטע דערזען האָט ער אויסגערופֿן:

– איך זעט ווי אָזוי די 'זשידעניאַטעס' הוליענען! וואָס איז בײַ אײַך הײַנט – אַ יום־טובֿ?

– יאָ – האָב איך געענטפֿערט.

– דו ווייסט, זשידיאָנאָק, אַז אַ ייִד האָט קיין נשמה ניט? – האָט מיך ערנצט אַ פֿרעג געגעבן דער דריטער פּאַסטעך, אַ שייגעצל פֿון אַ יאָר צוועלף.

נאָר דאָ האָבן די פּאַסטעכער דערזען, אַז צו אונדז לויפֿט אַ ייִד און שרעקט מיט אַ שטעקן. דעמאָלט האָבן זיי אונדז אַ שמיס געגעבן מיט זייערע בײַטשן און זענען געשווינד אַנטלאָפֿן צו זייערע חבֿרים. דאָס איז געווען אַ יישובֿניק, וועלכער האָט באַגעגנט אויפֿן וועג שטאַרק לויפֿנדיק מײַן רבין מיט זײַן חדר און ווען ער האָט דערזען מיך מיט מײַן חבֿר אין די שקאָצימס הענט איז ער אונדז געלאָפֿן העלפֿן. מיר האָבן זיך צעלאָזט דעריאָגן אונדזער רבין און חבֿרים, וועלכע מיר האָבן געפֿונען שוין אַ ביסל באַרויִקטע נאָר שטאַרק סאָפּענדיקע.

אונדזערע חבֿרים האָבן – איך האָב ניט געוווּסט פֿאַר וואָס – אונדז, מיך און מײַן חבֿר, בײַ וועלכן די טרערן האָבן זיך נאָך ניט אויסגעטריקנט אויף דעם בלאַסן פּנים – באַטראַכט כּמעט ווי העלדן.

ווען איך בין געקומען אַהיים האָט מײַן מוטער, וועלכע האָט באַמערקט מײַן דערשראָקן פּנים און אויף מײַן קאַפּאָטקעלע די לעבער אַנשטאָט קנעפּ, מיך געפֿרעגט וועגן איינעם און דעם צווייטן. פֿון אָנהייב האָב איך געשוויגן, וואָרעם מײַן רבי האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל בײַ זיך אין דער היים ניט דערציילן וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט. נאָר פּלוצלונג האָבן אַ שפּריץ געטאָן טרערן פֿון מײַנע אויגן. איך האָב זיי ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. מײַן מוטער איז פֿאַרווּנדערט און דערשראָקן געוואָרן. זי האָט מיך געפֿרעגט וואָס דאָס באַטײַט, און איך האָב צו לעצט אויסגערעדט כליפּענדיק:

– פֿאַר וואָס מעגן זיי יאָ און איך טאָר ניט?... האָב איך זיי דען ווען שלעכטס געטאָן, פֿאַר וואָס זשע האָבן זיי מיך געהאַט אַזוי צו באַליידיקן?... פֿאַר וואָס מעגן זיי יאָ, און מיר טאָרן ניט?... אַזוינע שקאָצים און זיי זאָגן נאָך אויף אונדז, אַז מיר... האָבן קיין נשמה ניט... פֿאַר וואָס זשע דערלאָזט גאָט דערצו? מיר לערנען דאָך זײַן

תורה און טוען זײַנע מצוות, פֿאַר וואָס זשע?... פֿאַר וואָס מעגן זיי און מיר טאָרן ניט? פֿאַר וואָס האָבן מיר פֿאַר זיי מורא און זיי לאַבן נאָך פֿון אונדז?...

איך האָב ווײַטער ניט געקאָנט רעדן. די טרערן האָבן מיר געוואָרגן דעם האַלדז און פֿאַרגאָסן דאָס גאַנצע פּנים.

מײַן מוטער האָט מיר ניט געענטפֿערט אַפֿילו אויף איינע פֿון מײַנע קשיות. זי, ווען איך האָב צו לעצט דערציילט אַלץ וואָס מיט אונדז איז געשען, האָט אויסגעזידלט די שקאָצים הינטער די אויגן און צו זיי אויסגעבעטלט אַלע חלומות און מיך האָט זי באַזאָרגט געפֿרעגט, צי האָט מען מיך ניט צו שטאַרק געשלאָגן און צי טוט מיר ניט עפּעס וויי, דערנאָך האָט זי מיר געזאָגט: פֿאַר וואָס בין איך ניט אַנטלאָפֿן גלײַך מיט אַלע און וואָלט געוועז פֿאַרשפּאָרט באַפֿן קלעפּ פֿון די שקאָצים און באַקומען לעבער אין קאַפּאָטקעלע.

דער מאַמעס ווערטער האָבן מיך ניט באַרויִקט און מיר ניט פֿאַרענטפֿערט מײַנע קשיות, אויף וועלכע איך האָב לאַנג, לאַנג געטראַכט. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן מקנא צו זײַן די שקאָצים, וואָס זיי האָבן זייערע פֿעלדער און וועלדער, וואָס זיי זענען געזונטע און שטאַרקע, וואָס זיי לעבן אַזוי פֿרײַ און פֿריילעך. ווען מיר וואָלטן דאָס אַלץ האָבן – האָב איך ניט איין מאָל נאָך דעם געטראַכט – וואָלט מיר קיינער ניט געטאָן קיין שלעכטס. פֿאַרקערט, מיר וואָלטן געזען, אַז אַלעמען זאָל גוט זײַן...